מאָסקווע, דעם 9טן אָקטאָבער 1990

ליבער דוד,

איך האָב נאָך נישט באַקומען דײַן ענטפֿער אויף מײַן בריוו פֿון סוף אויגוסט, ווו איך באַשרײַב מײַן מיינונג וועגן ש. אַנסקיס בוך "Народ и книга". דערנאָך האָב איך באַקומען דעם צווייטן נומער PROOFTEXTS מיט דײַן אַרטיקל The Maskil as Folk Hero. פֿאַר מיר איז דאָס געווען אינטערעסאַנט פֿון צוויי שטאַנדפּונקטן: ערשטנס ווײַל דו גיבסט דאָרט אַ היפּשן ביאָ-ביבליאָגראַפֿישן מאַטעריאַל וועגן אַנסקי, וואָס איז פֿאַראַן אויף יידיש, און צווייטנס, ווײַל איך האָב בעסער פֿאַרשטאַנען דײַן קוקווינקל אויף זײַן ליטעראַרישער שאַפֿונג.

איך האָב כמעט גאָרנישט נישט געלייענט פֿון אים אויף יידיש, אָבער אויף רוסיש האָב איך איבערגעלייענט אַ סך. מײַן אײַנדרוק איז אַ ביסל אַנדערער ווי דײַן. איך האַלט, אויפֿן סמך פֿון זײַנע רוסישע שריפֿטן, אַז ליטעראַטור איז געווען פֿאַר אים אַן אינטעגראַנטע באַשעפֿטיקונג, ד.ה. אַז ער האָט גענומען פּאַרטיקע און גרייטע פֿאָרמען און מאָדעלן, כדי צו אַרויסצודריקן זײַנע סאָציאַל-קולטורעלע אָנשויונגען, און ליטעראַטור גופֿא איז קיינמאָל נישט געווען פֿאַר אים זעלבסט-ווערטיק. זײַנע רוסישע שריפֿטן זײַנען ביז גאָר אָפּגעשטאַנענע אויך פֿון דער רוסישער ליטעראַטור פֿון זײַן צײַט. מאַקסים גאָרקי האָט געשריבן אין זײַן בריוו צו פּיאַטניצקי (1908), וועגן "פּיאָנערן", אַז "די קינסטלערישע מעלות פֿון דער זאַך זײַנען צווייפֿלהאַפֿטיק", און אַז די איינציקע מעלה איז זײַנע אומגע און אויפֿריכטיקע באַשרײַבונג פֿונעם יידישן לעבן-שטייגער, מיט ענערגיע, בורזאָן ריאַליזם. און כאָטש איך האַלט נישט פֿון גאָרקיס קינסטלערישן געשמאַק, נאָר דאָ בין איך מיט אים מסכים. די פּראָבלעם פֿון צווייספּראַכיקייט און "צוויי-קולטורעקייט" איז נישט קלאָר פֿונעם יסוד: וואָס איז דאָ אַ מעלה און וואָס - אַ חסרון, ווי אַ מין "טאָפּלטע לאָיאַליטעט".

ווי אַ רוסישער שרײַבער איז אַנסקי אינטערעסאַנט, מיין איך, נאָר ווי אַ שטייגער-שרײַבער, אַ פֿאָרגייער פֿון די ביז גאָר פֿאַרגעסענע און פּאָליטיש-אָנגאַזשירטע "נאַראָדניקעס" ווי גלעב אוספּענסקי און מיכײַלאָווסקי. דאָס איז געווען דעמאָלט, 1880-1910 יאָרן אין רוסלאַנד גאַנץ פֿאַרשפּרייט. דאָס הייסט נישט, פֿאַרשטייט זיך, אַז אין יידיש איז די סיטואַציע אין ענלעכע. דאָ איז אַנסקי געווען אין געוויסן זין קלאַסיקער - נעמען נאָר דעם "דיבוק".

די אויפֿגאַבע איז צו קאָאָרדינירן "יידישע ליטעראַטור" און די אַרומיקע - רוסישע, פּויליש, דײַטשע א.אַ.וו. מיר אינטערעסירט שטאַרק דײַנע מיינונג. שרײַב ביטע.

און נאָך אַ בקשה האָב איך צו דיר: צי קאָנסטו אָנשרײַבן מיר רעקאָמענדיר-בריוו אין מעמאָריאַלער פֿונדאַציע און אין IREX? די פֿאָרמולאַרן פֿאַר דער מעמאָריאַלער פֿונדאַציע האָט דוד פֿישמאַן, און מע דאַרף דעם בריוו אָפּשיקן צו זיי ביזן 31טן דעצעמבער 1990. וואָס שייך IREX, דאָ ווייס איך נישט וועגן פֿאָרמולאַר און טערמינען, נאָר דו דאַרפֿסט אויך וויסן.

און די לעצטע ווינטשעווע: איך האָב באַקומען אַ בריוו פֿון שמערוק מיט הבטחה, אַז ער איז גרייט מיך אויפֿצונעמען - אַז בין איך מסכים.

אַ גרוס דײַן משפּחה, זײַ געזונט, דײַן מישע קרוטיקאָוו